בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ״ז**

424

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


קָאסְטוּמֶער סֶערְוִויס פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס שֶׁעלְטְן? ............ א


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט ............ א
מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ............ ב
דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הִיט פוּן עַיִן הָרָע ............ ב
הָאבְּן נָאר עֶרְלִיכֶע שֻׁתָּפִים ............ ג
וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְתַקֵן? ............ ד
נִישְׁט אָנְטְרֶעפְן דִי נַארִישֶׁע חֲכָמִים ............ ה
הַצְלָחָה אִין בִּיזְנֶעס ............ ו
הֶעלְפְן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת, און מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ............ ז
זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן צוּ בַּאקוּמֶען אַ דְזְשַׁאבּ ............ ז
לוֹיף אַהֵיים און הֶעלְף דַיין וַוייבּ ............ ח
בּוֹי אוֹיף דַיין וַוייבּ ............ ט
לֶערְן תּוֹרָה, וֶועסְטוּ לִיבּ הָאבְן אִידִישְׁקַייט ............ י
בְּלַייבּ מִיט דִי פָּשׁוּטְ'עֶ כָּשֵׁרְ'עֶ טֶעלֶעפָאן ............ יא
זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דַיין בָּארְד און פֵּיאוֹת ............ יב
שִׂמְחָה אִיז דִי שְׁלִיסְל פַאר הַצְלָחָה ............ יג

גֵיי צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים ..................... יג

בְּרֶסְלֶב אִיז פַאךְשֶׁעמְט ..................... יד

דִי בָּחוּרִים זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה ..................... טו

אַ גוּטֶע וַוייבּ אָדֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ ..................... טז

מֶען דַארְף אַרוֹיסְגֵיין אִינְדֶערְפְרִי פוּן שְׁטוּבּ ..................... יז

שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּרֶעסְטְן, וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ ..................... יח

דִי לִיכְט פוּן אֱמוּנָה ..................... יט

אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם גֶעשֶׁעפְט ..................... כ

דִי לֶעצְטֶע גֶעבֶּעט פוּן מוֹהֲרָא"ש ..................... כא

הֶעלְפְן בַּיי דִי מַצָּה בֶּעקֶעְרֵיי ..................... כב

צוּרִיק בַּאקוּמֶען דַיין רוּחַ חַיִּים ..................... כג

מֶער אוּן מֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אוֹצְרוֹת ..................... כד

דִי דִמְיוֹן פוּן חֲבֵרִים ..................... כה

מֶען קֶען זַיין אַ אִיד נָאר מִיט דִי דְרַיי תְּפִילוֹת ..................... כו

אַרַיינְלֵייגְן וָואס מֶער כֹּחַ אִינֶעם הַאטְלֵיין ..................... כז

לֶערְנְ דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועט דִיר גוּט זַיין ..................... כח

אַ נֵס אַז דוּ הָאסְט אַן עֶרְלִיכֶע אֵיידֶעלֶע וַוייבּ ..................... כט

דוּרְךְ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעט מֶען וואוּנְדֶער ..................... ל

אַ דוּרְכְפַאל, אַ נַאר, אַן אוּמְגֶעלוּנְגֶענֶער ..................... ל

זָאג מִשְׁנַיוֹת, זָאג אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת ..................... לא

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה ..................... לב

אַ קְלוּגֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ וַוייבּ ..................... לג

הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם שַׁבָּת ..................... לה

דִי גְרֶעסְטֶע גְלִיק אִיז אִין שְׁטוּבּ ..................... לו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## קָאסְטוּמֶער סֶערְוִויס פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס שֶׁעלְטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן עֶפֶּעס אִיבֶּער מַיין אַרְבֶּעט. אִין דִי קָאמְפֶּענִי וואוּ אִיךְ אַרְבֶּעט אִיז מַיין דְזשַׁאבּ אוֹיפְצוּהֵייבְּן טֶעלֶעפָאן קָאלְס אוּן גֶעבְּן סֶערְוִויס פַאר מֶענְטְשְׁן, עֶס מַאכְט זִיךְ אָבֶּער אַסַאךְ מָאל אַז עֶס קְלִינְגֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אוֹיפְגֶערֶעגְט, אָדֶער מֶענְטְשְׁן מִיט נַפְשִׁיּוֹת'דִיגֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכַדּוֹמֶה, אוּן זֵיי קֶענֶען שְׁרֵייעֶן אוּן שֶׁעלְטְן אוֹיבּ עֶפֶּעס גֶעפֶעלְט זֵיי נִישְׁט.

אִיךְ פּוּן מַיין זַייט פְּרוּבִּיר צוּ טוּן וָואס אִיךְ קֶען צוּ הֶעלְפְן יֶעדֶער וָואס רוּפְט, אוּן אִיךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן, מַיין שְׁאֵלָה אִיז אָבֶּער וָואס אִיךְ דַארְף טוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרֵייט אוֹיף מִיר אוּן שֶׁעלְט מִיךְ, צִי דַארְף אִיךְ זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן דִי קְלָלוֹת? קֶען עֶס מִיר טַאקֶע שָׁאטְן? אָדֶער דַארְף אִיךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן?

אִיךְ וֶועל זִיךְ שְׁטַארְק פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

**וֶוען קָאסְטוּמֶערְס הֵייבְּן אָן שֶׁעלְטְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, בְּלַייבּ שְׁטִיל, אוּן וֶוען יֶענֶער בַּארוּאִיגְט זִיךְ - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ רֶעדְן פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף עֶרְלֶעדִיגְן, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן דִי קְלָלוֹת,**

דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, ב): "כַּצִּפּוֹר לָנוּד, כַּדְּרוֹר לָעוּף", אַזוֹי וִוי אַ פֵייגְל פְלִיט אַרוֹיס פוּן אִיר נֶעסְט, זִי פְלִיט אַרוּם זוּכְן עֶסְן, אוּן בַּיים סוֹף קוּמְט זִי צוּרִיק צוּ אִיר נֶעסְט, "כֵּן קִלְלַת חִנָּם, לוֹ תָבֹא", אַזוֹי אוֹיךְ דֶער וָואס שֶׁעלְט - וֶועט דִי קְלָלָה צוּרִיקְקוּמֶען אוֹיף אִים אַלֵיינְס.

דָאס דַארְף דִיר גֶעבְּן חִיזוּק אוֹיף עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֵצוֹת, חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל פַאר דִי וֶועלְט. וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע צַעַר אוּן פְּלָאג אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קיט), יֶעדֶער אֵיינֶער לַיידְט יִסּוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין יִסּוּרִים, אוּן אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט יִסּוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד, קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֵוייניג אוּן פוּל מִיט וֵוייטָאג, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (קֹהֶלֶת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט כַּעַס אוּן וֵוייטָאג; אוּן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט וִוי מֶען הָאט גֶעוָואלְט אוּן גֶעפְּלַאנְט - וֶוערְט מֶען מְשׁוּגָע, מֶען שֶׁעלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן; דַארְף מֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע לוֹיטֶערֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן וָואס בְּלָאזְט אַרַיין אֱמוּנָה, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי מֶען וִויל, אַשְׁרֵי הָאָדָם וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז עוֹסֵק אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, י"ד שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁמֵייכְל צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, בַּאגְרִיס יֶעדְן אֵיינֶעם, רֶעד שֵׁיין צוּ אַלֶעמֶען, אוּן אַז מֶענְטְשְׁן זָאגְן דִיר, מֶען הָאט טַעֲנוֹת וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זֵיי דַן זַיין לְכַף זְכוּת; קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע מִידוֹת - פַארְלִירְט מֶען זִיךְ, מֶען הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם.

זַיי דַן יֶעדְן לְכַף זְכוּת, אוּן אַז אֵיינֶער זָאגְט דִיר אַרַיין - זָאלְסְטוּ יֶענֶעם נִישְׁט דַן זַיין, דוּ מַאךְ יֶעדְן אֵיינֶעם פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וֶועסְטוּ וֶוערְן פוּן דִי לִיבְּהָאבֶּער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת פח:) וֶוער עֶס עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט צוּרִיק אוּן וֶוער עֶס וֶוערְט נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט - אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים ה, לא): "וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ", לֶעָתִיד לָבוֹא וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן זֵיי שַׁיינֶען דְרַיי הוּנְדֶערְט אוּן דְרַיי אוּן פֶערְצִיג מָאל שְׁטֶערְקֶער וִוי דִי זוּן שַׁיינְט יֶעצְט.

לוֹיט וָואס מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן וָואלְטְן מִיר גֶעדַארְפְט פַאסְטְן אַלֶע טֶעג פוּן אוּנְזֶער לֶעבְּן. דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (שַׁעַר רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, תִּיקּוּן כז), צוּ פַארְרֶעכְטְן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דַארְף מֶען פַאסְטְן פַאר יֶעדֶע מָאל כְּמִנְיַן פ"ד תַּעֲנִיתִים, אוּן לוֹיטְן רֶבִּי'ן קֶען מֶען דָאס

אַיינְטוּישְׁן אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת; "יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק" - אִיז "עִיקַּר הַתְּשׁוּבָה" (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו).

...

## מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, י"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער אֵיידֶעם נְתַנְאֵל נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ גֶעבְּן דִי שִׁיעוּר פָּארִיגֶע וָואךְ לֵיל שִׁשִּׁי אִין קִרְיַת יוֹאֵל, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְן מִיךְ שְׁלֶעפְּן אַהִין, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ זֶען דִי חָשׁוּבֶ'עֶ טַייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, דִי פְּרִישֶׁע מְקוּרָבִים.

פַארְן שִׁיעוּר בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמֶער, אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אוּן נָאכְדֶעם זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט מַיין הַארְץ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְחַיֶּה, עֶס אִיז אַ מְחַיֶּה הִתְבּוֹדְדוּת בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק א, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", הִתְבּוֹדְדוּת בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען אִין הִימְל.

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן מִיט מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה"; ווֹאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ חֵלֶק אִין דֶעם.

...

## דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הִיט פוּן עַיִן הָרָע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, י"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶּ'**

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז דָא גוּטֶע נַייעֶס בַּיי עֶנְק, וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט - אַלְץ מֶער אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עַיִן הָרָע.

נֶעמְט נִישְׁט קֵיין פְּרֶעשׁוּר פוּן אַייעֶרע חַבֶר'טֶעס פוּן אַייעֶר יָארְגַאנְג, וָואס זֵיי וֶועלְן זָאגְן, וָואס זֵיי וֶועלְן טְרַאכְטְן; בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קֵיין פַארְמֶעסְט (רֶעיס), יֶעדֶע מִשְׁפָּחָה אִיז אַ פַּרְשָׁה פַאר זִיךְ; פַאר אֵיינֶעם זָאגְט מֶען צוּ וַוארְטְן וְכוּ', פַאר אַ צְוֵוייטְן זָאגְט מֶען נָאכְמֶער וַוארְטְן, אוּן פַאר אַ דְרִיטְן זָאגְט מֶען גָאר בִּכְלַל נִישְׁט וַוארְטְן, אוּן מִיט דֶעם, בְּנוֹסָף לָזֶה - וַוארְט מֶען וָואס מֶען וֶועט אוֹיסְרוּפְן אִין הִימְל; אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ וֶוערְן צֶעדְרִיקְט, צוּ הָאבְן פְּרֶעשׁוּר וָואס וֶועט זַיין וֶוען דִי חַבֶרְטֶ'עס וֶועלְן זִיךְ דֶערְוִויסְן וְכוּ'.

דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עַיִן הָרָע אִיז 'דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'; וִוי מֶער מֶען זָאגְט: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" - אַלְץ מֶער אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז דִי שְׁלֶעכְטֶע אוֹיגְן וֶועלְן נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן.

...

## הָאבְן נָאר עֶרְלִיכֶע שֻׁתָּפִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין לַאנְג גֶעזָאגְט אַז עֶס גֶעפֶעלְט מִיר נִישְׁט דַיין שֻׁתָּפוּת, אוּן הֶערְשְׁט יֶעצְט זֶעסְטוּ וִוי דַיין שׁוּתָּף בַּא'גַנֵב'עֶט דִיךְ; אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין לַאנְג גֶעהַאלְטְן, וַוייל אַ אִיד וָואס הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דִי תּוֹרָה וֶועג, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעטְרַיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי אוּן פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אֲפִילוּ טְרַאכְטְן אַז דִיר וֶועט עֶר יָא זַיין גֶעטְרַיי...? בִּפְרַט אַז עֶר אִיז אַרַיין אִין דִי עֲבֵירָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט מְלַמֵד זְכוּת זַיין אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז עוֹבֵר אוֹיף דִי עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן (עַיֵּין סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת נִיאוּף חֵלֶק ב', סִימָן ח), אִיז וִוי קֶען מֶען זַיין אַ שׁוּתָּף מִיט אַזַא אֵיינֶעם?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי הַלְוָאָה; דוּ הָאסְט מִיר גֶעבָּארְגְט פַארְיָאר זוּמֶער הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער, נָאכְדֶעם הָאסְטוּ מִיר

גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ דִי יָאר וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין אוּן עֶס וֶועט זַיין הַצְלָחָה - ווִילְסְטוּ נִישְׁט צוּרִיק נֶעמֶען דָאס גֶעלְט; לְמַעֲשֶׂה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן דַיין שׁוּתָּף, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל גֶעבְּן דִי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, וַוייל אִיךְ ווִיל נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן פוּן דַיין גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ גֶעבָּארְגְט דִי גֶעלְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעכְנְט אַז דָאס אִיז כָּשֶׁר׳עֶ גֶעלְט; אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה, וַוייל אוֹיבּ דִי גֶעלְט אִיז זַיינְ׳ס - ווִיל אִיךְ עֶס שׁוֹין צוּרִיק גֶעבְּן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט בּוֹיעֶן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת מִיט גֶעלְט פוּן אַ מְחַלֵּל שַׁבָּת אוּן אַן עוֹבֵר עֲבֵירוֹת בְּפַרְהֶסְיָא רַחֲמָנָא לִצְלָן.

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דֶעם אוּנְטֶערְוֶועלְטְנִיק, דוּ בִּיסְט עֶרְלִיךְ זָאלְסְטוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע שֻׁתָּפִים.

...

## ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מְתַקֵּן?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר הָאבְּן נָאךְ אַ וָואךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי״ם טֶעג, וֶוען מֶען קֶען פַארֶערְכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מְתַקֵּן? ווִי הֵייבְּט מֶען אָן? וָואס טוּט מֶען? דוּרְךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה, בִּפְרָט לִימּוּד מִשְׁנָיוֹת; דָאס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עִמְקֵי עֲמָקִים, פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל, ד): ״ה׳ הֶעֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי״, דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת דִי וָוארְט מִשְׁנָ״ה, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): ״אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת״, מִיר וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת בִּזְכוּת לִימּוּד מִשְׁנָיוֹת; סַיי בִּכְלָלִיוּת אוּן סַיי בִּפְרָטִיוּת, דִי גְרוֹיסֶע גְאוּלָה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשְׁנְ׳ס גְאוּלָה.

עַל כֵּן ווִיל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת, זָאג אַ

פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאג וִויפִיל דוּ קֶענְסְט; דָאס וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע פְלֶעקְן פוּן דִי עֲבֵירוֹת, עֶס וֶועט דִיךְ מַאכְן רֵיין אוּן שֵׁיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט אָנְטְרֶעפְן דִי נַארִישֶׁע חֲכָמִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן ... נֵרוֹ יָאִיר

״פָּגוֹשׁ דֹּב שַׁכּוּל בְּאִישׁ״, עֶס אִיז בֶּעסֶער פַארְן מֶענְטְשׁ אָנְצוּטְרֶעפְן אַ בֶּער וָואס הַרְגְ׳עֶט, ״וְאַל כְּסִיל, בְּאִוַּלְתּוֹ״, אוּן נִישְׁט אָנְטְרֶעפְן אַ נַאר וָואס רֶעדְט נַארִישְׁקֵייט (מִשְׁלֵי יז, יב); לִכְאוֹרָה, וִוי קֶען זַיין עֶרְגֶער וִוי אַ פַארְצִיקְנְדֶע בֶּער? נַאר דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן פא): ״בְּנֵי אָדָם הֵם מוֹנְעִים גְּדוֹלִים מְאֹד״, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע שְׁטֶער צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, ״וְדַע, אִם הָיָה הָאָדָם לְבַדּוֹ״, וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעוֶועוְן אַלֵיין, ״וְלֹא הָיָה אֶצְלוֹ בְּנֵי אָדָם אֲחֵרִים לְמָנְעוֹ״, אוּן עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעהַאט מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן אִים שְׁטֶערְן, ״בְּוַדַּאי הָיָה מַטֶּה עַצְמוֹ לְדֶרֶךְ הַחַיִּים״, וָואלְט עֶר זִיךְ זִיכֶער גֶעצוֹיגְן צוּם אֱמֶת׳ן וֶועג, ״כִּי סוֹף כָּל סוֹף הָיָה מַטֶּה תָּמִיד לְדֶרֶךְ הָאֱמֶת״, בַּיים סוֹף וָואלְט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּם אֱמֶת, ״וַאֲפִלּוּ אִם הָיָה עוֹבֵר עֲבֵרָה חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן״, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר וָואלְט וֶוען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין טוּן עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן, ״אַף עַל פִּי כֵן בְּוַדַּאי הָיָה מִתְחָרֵט חֲרָטָה גְּדוֹלָה מְאֹד בְּכָל פַּעַם״, וָואלְט עֶר זִיכֶער חֲרָטָה גֶעהַאט, ״וְסוֹף כָּל דָּבָר הָיָה נִשְׁאָר אֵצֶל הָאֱמֶת״, אוּן עֶר וָואלְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם אֱמֶת, ״אֲבָל כְּשֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם הַמְבַלְבְּלִים, דְּהַיְנוּ כְּשֶׁהָאָדָם מִתְחַבֵּר חַס וְשָׁלוֹם לְאֵיזֶה חֲכָמִים בְּדַעְתָּם שֶׁיֵּשׁ לָהֶם אֵיזֶה יְדִיעָה בַּחֲקִירָה וּפִילוֹסוֹפְיָא אוֹ לְכַת לֵצִים״, אָבֶּער אַז מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אָן מִיט נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ פַאר חֲכָמִים, זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי קֶענֶען חֲקִירוֹת, פִילָאזָאפְיֶע, אָדֶער מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען לֵצִים - ״זֹאת הַמְּנִיעָה וְהַבִּלְבּוּל הוּא גָּרוּעַ מֵהַכֹּל״, דָאס אִיז עֶרְגֶער פוּן אַלֶעס.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: "פָּגוֹשׁ דֹּב שַׁכּוּל בְּאִישׁ", עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְטְרֶעפְן מִיט אַ פַארְצִיקְנְדֶע חַיָ', "וְאַל כְּסִיל בְּאִוַּלְתּוֹ", אוּן נָאר נִישְׁט הָאבְּן מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס לַאכְן אָפּ פוּן דִי תּוֹרָה אוּן פוּן צַדִיקִים; וַוייל דָאס אִיז דָאס עֶרְגְסְטֶע.

אוּן דֶער רֶבִּי פִּירְט דָארְט אוֹיס: "אַשְׁרֵי הַזּוֹכֶה לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ", ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין אִין אֱמֶת'ן וֶועג, עֶר הַאלְט זִיךְ אִין דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, "וְלִהְיוֹת 'תָּם וְיָשָׁר יְרֵא אֱלֹקִים וְסָר מֵרַע' (אִיּוֹב א, א), בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת כְּלָל", עֶר פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת אוּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אָן קֵיין שׁוּם חָכְמוֹת; ווארויל אִיז אִים בָּזֶה וּבַבָּא, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## הַצְלָחָה אִין בִּיזְנֶעס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ ווילְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין דַיין בִּיזְנֶעס דַארְפְסְטוּ אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי, גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן דַאוֶנֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית אוּן זַיין גְרֵייט אִין אָפִּיס פַאר נַיין אַזֵייגֶער, נָאר אַזוֹי וֶועט זַיין הַצְלָחָה; דוּ וֶועג ווִי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ בִּיז יֶעצְט, אוֹיפְצוּשְׁטֵיין נַיין אַזֵייגֶער אוּן זַיין פֶערְטִיג מִיטְן דַאוֶנֶען עֶלְף אַזֵייגֶער - אַזוֹי אִיז נִישְׁטָא קֵיין הַצְלָחָה.

אִיךְ זָאג דִיר דָאס וַוייל אִיךְ שׁוֹין דִיךְ, אִיךְ זֶע ווִי דוּ זִינְקְסְט אִין חוֹבוֹת, דַיינֶע אַרְבֵּייטֶערְס מַאכְן אַ לֶעבְּן אוֹיף דַיין חֶשְׁבּוֹן, זֵיי פַארְדִינֶען, אוּן דוּ בָּארְגְסְט גֶעלְט זֵיי צוּ גֶעבְּן גֶעהַאלְט, אוּן אַז דוּ קוּמְסְט שְׁפֶּעט אִיז נִישְׁטָא קֵיין הַצְלָחָה.

פָּאלְג מִיךְ, שְׁטֵיי אוֹיף גָאר פְּרִי אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, יוֹם תְּהִלִּים, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, הֲלָכָה, דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, הָאבְּן צַייט צוּ דַאוֶנֶען פוּן אָנְהֵייבּ בִּיז דִי עֶנְדֶע אָן אוֹיסְלָאזְן שְׁטִיקְלֶעךְ, זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה,

קלז, קנ], עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית אוּן זַיין אִין אָפִּיס שְׁפֶּעטְסְטְנְס נַיין אַזֵייגֶער - וֶועט זַיין הַצְלָחָה.

...

## הֶעלְפְן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת, אוּן מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי בֶּעסְטֶע בִּיזְנֶעס פַאר דִיר וואו צוּ אִינְוֶועסְטִירְן - אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת וָואס לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוֹיפְן וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

הָאסְט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל בִּיזְנֶעס אוּן דוּ ווִילְסְט וַוייטֶער פְּרוּבִּירְן אִין אַנְדֶערֶע בִּיזְנֶעס; בֶּעסֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין הֶעלְפְן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת וָואס אִיז מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דִי אֱמוּנָה אוֹיף דִי וֶועלְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי מְחַזֵק זַיין אוּן זֵיי אוֹיסְהֶערְן, וַוייל עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מְחַזֵק זַיין אוּן מְחַיֶ׳ זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.): ״כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵירוֹ״, ווִי גְרֶעסֶער מֶען אִיז - אַלְץ מֶער גֵייט אִיבֶּער מְרִירוּת, קַטְנוּת, הַשְׁלָכוֹת וּנְפִילוֹת, אוּן וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מְחַזֵק וּמְחַיֶ׳ אַנְדֶערֶע.

...

## זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן צוּ בַּאקוּמֶען אַ דְזְשַׁאבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט וֵויי טוּן, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט דִיךְ פַארְרֶעכְטְן אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן צוּ בַּאקוּמֶען אַ דְזְשַׁאבּ; וַוייל אַ פְּרוּטָה וָואס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶס דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ דִיר - קֶען קֵיינֶער נִישְׁט

צוּנֶעמֶען פון דִיר, און אַ פְּרוּטָה וָואס דַארְף נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דִיר, אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט עֶס נָאכְלוֹיפְן - וֶועט עֶס דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט נָאר אַרְבֶּעטְן אוּמְזִיסְט הַשֵּׁם יְרַחֵם.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַּאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַּאר אוּנְזֶער קְהִילָה און פַּאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, נָאר דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פון דִי גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס; דִי צְדָקָה וָואס מֶען גֶעבְּט צוּ בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת.

זַיי נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט פון מִיר, אִיךְ ווִיל נִישְׁט דַיין שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ ווִיל נָאר דַיין גוּטְס, דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ דִיר, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, און אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִיר - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק קְרִיגְן, דוּ זָאלְסְט אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת, נֶעם דָאס פַּאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, דָאס אִיז אוּנְזֶער זַאךְ, אַ מַתָּנָה פון רֶבִּי'ן, בִּזְיוֹנוֹת; און אַז מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, מֶען נֶעמְט דָאס נִישְׁט אַרַיין אִין זִיךְ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ כֶּתֶר, צוּ תְּשׁוּבָה, צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, חַזֶר אֱמוּנָה, חַזֶר זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, אַלֶעס אִיז עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אַלֶעס אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ, אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַאוֶונֶען און לֶערְנֶען, גַנְבְ'עֶ אַרוֹיס אַבִּיסְל צַייט פַאר לֶערְנֶען תּוֹרָה, דָאס אִיז אוּנְזֶער אֵייבִּיגֶע עֲשִׁירוּת, דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס מִיר לֶערְנֶען - דָאס בְּלַייבְּט לְנֵצַח נְצָחִים.

...

## לוֹיף אַהֵיים און הֶעלְף דַיין ווַייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט שׁוֹבָבִי"ם וֶוען מֶען פַארְרֶעכְט דֶעם חֵטְא פון פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן דַארְף מֶען אוֹיךְ פַארְרֶעכְטְן דִי חֵטְא פון בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, וּבִפְרַט אִין

שְׁטוּב; לָאמִיר זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען, רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטֶע פְרוֹי וָואס רוּט נִישְׁט קֵיין מִינוּט פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער; אִיר צוּ הֶעלְפְן, אִיר צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אִיר מְחַזֵּק זַיין וְכוּ׳.

מֶען כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט, מֶען אִיז אַרֵיין גֶעטוּן מִיט חֲבֵרִים וְכוּ׳, דָאס אִיז דִמְיוֹן, וַוייל חֲבֵרִים טוּישְׁן זִיךְ, חֲבֵרִים הַאלְטְן זִיךְ פַאר גֶעצֵיילְטֶע טֶעג, מֶען טוּישְׁט חֲבֵרִים וִוי מֶען טוּישְׁט בְּגָדִים, אָבֶּער דִי וַוייבּ וָואס זִי אִיז דִי מַאמֶע פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, מִיט אִיר שְׁטֶעלְט מֶען אַוֶועק שֵׁיינֶע דוֹרוֹת; אִיר לָאזְט מֶען אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי אַרְבֶּעט, מֶען לוֹיפְט צוּ חֲבֵרִים, מֶען לוֹיפְט טוּן חֶסֶד, מֶען אִיז פַארְ'שִׁיכּוֹרְ'ט מִיט דִי טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ וֵוין צוּ דִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין וַוייבּ, אוּן אוֹיף דַיינֶע דוֹרוֹת, מַאךְ זִיךְ שָׁעוֹת וָואס דוּ אַרְבֶּעטְסְט, לְמָשָׁל פוּן נַיין בִּיז פִינְף, אָדֶער בִּיז זֶעקְס, אוּן נָאךְ דִי צַייט פַארְמַאךְ דִי טֶעלֶעפָאוּנְס; מַאךְ נִישְׁט, רֶעד נִישְׁט, טוּ נִישְׁט; לוֹיף אַהֵיים אוּן הֶעלְף דַיין וַוייבּ, הֶעלְף לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער, (אִיךְ לֵייג שְׁלָאפְן יֶעדֶע נַאכְט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ בִּין נָאךְ אַזוֹי פַארְנוּמֶען וִוי דִיר), אוּן גֵיי דַאוֶונֶען, גֵיי לֶערְנֶען.

וֶועק זִיךְ אוֹיף פוּן דַיינֶע דִמְיוֹנוֹת, בִּיסְט דָאךְ אַ קְלוּגֶער, בִּיסְט דָאךְ נִישְׁט קֵיין קָטָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בּוֹי אוֹיף דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט וֶועלְן מִיר זִיךְ צַאמְנֶעמֶען צוּ דִי יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרַא״שׁ, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי אוֹצְרוֹת וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, מוֹהֲרָא״שׁ

הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט נִישְׁט זִיךְ טַעְנָה'ן מִיט דִי וַוייבּ, נָאר מְכַבֵּד זַיין אוּן רֶעדְן שֵׁיין. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶועןְ אַ שִׁיעוּר וָואס מוֹהֲרַא"שׁ זָאל אוּנְז נִישְׁט חַזֶר'ן דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רסד), מִיר זָאלְן הַאלְטְן חָשׁוּב דִי וַוייבּ אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר; וְוייל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיין וַוייבּ, מַאךְ אִיר פַּאר אַ זַאךְ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב:): "אֵין הָאִשָּׁה כּוֹרֶתֶת בְּרִית אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כְּלִי"; מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, וֶוען וֶוערְט דִי פְרוֹי אֵיינְס מִיט אִיר מַאן? נָאר וֶוען דֶער מַאן מַאכְט אִיר פַּאר אַ כֶּלִי, עֶר בּוֹיט אִיר אוֹיף, עֶר דֶערְהֵייבְּט אִיר אוּן עֶר שְׁטַארְקְט אִיר, דֶעמָאלְט וֶוערְט זִי אֵיינְס מִיט אִיר מַאן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער בּוֹי אוֹיף דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, זַיי נִישְׁט קֵיין אוֹיבֶּער חָכָם אוּן טְרַאכְט נִישְׁט: 'עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס פַּאר מִיר דִי זַאךְ', נָאר נֶעם דִי בְּרִיוו, דָאס אִיז וְוִיכְטִיג פַאר דִיר, מֶען מוּז הָאבְּן חִיזוּק אוֹיף דֶעם, מֶען מוּז גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערְנִישְׁן אוֹיף דִי פְרוֹי, פוּן וָואס זִי לַיידְט אַלְץ וְכוּ' וְכוּ', מֶען מוּז אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן.

אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים זֵיי וַוארְטְן אוֹיף חִיזוּק, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶערְן תּוֹרָה, וֶועסְטוּ לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

זֶע צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, הֲלָכָה וְאַגָּדָה, אַזוֹי וֶועסְטוּ לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אַ אִיד, דוּ וֶועסְט לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט, דוּ וֶועסְט לִיבּ הָאבְּן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, וֶועסְט לִיבּ הָאבְּן דַיין וַוייבְּ'ס צְנִיעוּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן א): "עַל יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְעַלֶּה הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל", אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה קוּמְט

צוּרִיק דִי חֵן צוּ דִי אִידְן, דָאס אִיז בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין; אַז מֶען זֶעט אַז מֶען הָאט לִיב חַס וְשָׁלוֹם דִי וֶועג פוּן דִי פֶעלְקֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, "וְהַחֵן הוּא אֶצְלָם", דִי חֵן אִיז בַּיי זֵיי, מֶען הָאט לִיב דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי גוֹיִם גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן, מֶען הָאט לִיב אַן אָפְּגֶעשׁוֹירֶענֶעם בָּארְד, אוּן פְּרִיצוּת רַחֲמָנָא לִצְּלָן, גֶעבְּט דֶער רֶבִּי אַן עֵצָה, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

זָאג יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאג תְּהִלִּים, אוּן וַואשׁ אָפּ דַיין פָּנִים מִיט דַיינֶע טְרֶערְן מִיט תְּפִילּוֹת וְהִתְבּוֹדְדוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן נָאר לִיב הָאבְּן דִי תּוֹרָה אוּן דִי צַדִּיקִים אוּן גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן**".

קוּם צוּ דִי שִׁיעוּרִים דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט אוּן זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל גֵיין צוּ דִי פְרוֹיעֶן שִׁיעוּרִים, עֶס אִיז אַזוֹי וִויכְטִיג, עֶס אִיז דִי יְסוֹד פוּן אַלֶעס.

...

## בְּלַייבּ מִיט דִי פָּשׁוּטְ'עֶ כָּשֶׁרְ'עֶ טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ קוּקְן קֵיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, בְּלַייבּ מִיט דִי פָּשׁוּטְ'עֶ כָּשֶׁרְ'עֶ טֶעלֶעפָאן, וַוייל אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם מִיט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, נִיאוּף, רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אוּן מֶען פַאלְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, מֶען וֶוערְט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע כֵּלִי, אַלֶע בֵּיינֶער וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן. אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נ): "וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶנִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְּלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עַצְמוֹת שֶׁל אָדָם", דוּרְךְ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית וֶוערְט מֶען אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שַׁארְבּ, אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר תִּיקּוּן יט, דַּף מא:): "וְאִם לָא נָטְרִין בְּהַאי בָּשָׂ"ר אוֹת בְּרִי"ת, אִתְהַפַּךְ לוֹן בַּשֶּׁבֶ"ר", דִי וָוארְט בָּשָׂ"ר אִיז דִי זֶעלְבֶּע וִוי דִי וָוארְט שֶׁבֶ"ר, אוֹיבּ הִיט מֶען אָפּ אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אִם זָכוּ - בְּשַׂר קוֹדֶשׁ, אִיז מֶען הֵיילִיג, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז מֶען אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע כֵּלִי.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע שְׁטוּבּ, הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי דִיר.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע סִיוּמִים, וֶועסְטוּ מִיךְ מְחַיֶ' זַיין.

...

## זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ זָאגְסְט מִיר אַז דוּ דַארְפְסְט חִיזוּק אוֹיף נִישְׁט שְׁנַיידְן דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת וֶוען אַלֶע אַרְבֶּעטֶערְס שְׁנַיידְן.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר מַיין לִיבֶּער קִינְד, נָאר דָאס טוּ נִישְׁט, נָאר דָאס נִישְׁט, בְּלַייבּ מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, רִיר נִישְׁט אָן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד, רַייס נִישְׁט אַרוֹיס אֲפִילוּ אֵיין הֵיילִיגֶע הָאר, דִי בָּארְד אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, יֶעדֶע הָאר אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, דִי בָּארְד וֶועט דִיךְ אָפְּהִיטְן סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, קוּק אוֹיף דִי וָואס שְׁנַיידְן דִי בָּארְד ווִי נִישְׁט קֵיין קְלִיגֶע, ווִי רַחֲמָנוּת'עֶר, זָאלְן זֵיי זִיךְ שֶׁעמֶען פוּן דִיר אַז זֵיי שְׁנַיידְן, דוּ שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּן זֵיי, דוּ שֶׁעם זִיךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: "וָואס דַארְף אַ אִיד זִיךְ זָארְגְן, אַז עֶר וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִיס צוּם טִיר (דָאס מֵיינְט זַיין אַ נִפְטָר), מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת".

...

## שִׂמְחָה אִיז דִי שְׁלִיסְל פַאר הַצְלָחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶועט דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, יִסּוּרִים, עֲנִיּוּת וְכוּ׳ וְכוּ׳, זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט מַצְדִיק זַיין אֶת הַדִין, אָנְנֶעמֶען וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, אוּן אִים בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים עֶר זָאל אַוֶועק נֶעמֶען פוּן דִיר דִי יִסּוּרִים, אוּן מַשְׁפִּיעַ זַיין פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח.

דִי שְׁלִיסְל פַאר יְשׁוּעוֹת אוּן פַאר פַּרְנָסָה - אִיז שִׂמְחָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב׳, סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז מַצְלִיחַ; שִׂמְחָה אִיז דִי שְׁלִיסְל פַאר הַצְלָחָה, סַיי אִין פַּרְנָסָה, סַיי פַאר גֶעזוּנְט, אוּן אוֹיךְ פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דוּרְךְ שִׂמְחָה אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן נִכְשָׁל וֶוערְן בִּפְגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, דוּרְךְ שִׂמְחָה קוּמְט מֶען צוּ צוּ דִי טוֹיעֶרְן פוּן קְדוּשָּׁה.

טַאנְץ יֶעדְן טָאג, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּב פוּן גְרוֹיס יִסּוּרִים - זָאלְסְטוּ טַאנְצְן אֲפִילוּ נָאר הַאלְבּ-וֶועגְס וְכוּ׳, אַזוֹי וֶועסְטוּ זֶען יְשׁוּעוֹת.

...

## גֵיי צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, צְפַת**

אַ גְרוֹיסְן יִיַּשֶׁר כֹּחַ פַארְן צוּשְׁטֶעלְן פַאר מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער אַ דִירָה אִין מִירוֹן פַאר פָארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת, אוּן אוֹיךְ עֶסְן, אוּן אוֹיךְ פַארְן זֵיי צוּרִיק נֶעמֶען צוּם עֶירְפָּארְט; מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט, אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַאר דָאס אַלֶעס.

דוּ וואוֹינְסְט אִין צְפַת, אַ פְּלַאץ אָנְגֶעפִילְט מִיט קִבְרֵי צַדִיקִים, זָאלְסְט

יֶעדְן טָאג גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, דָארְט זָאגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

הַיינְט נַאכְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, גֵיי קַיין יַבְנְאֵל אוּן זַיי דָארְט מִתְפַּלֵל, זַיי זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד, בֶּעט אוֹיךְ פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל.

...

## בְּרֶסְלֶב אִיז פַארְשֶׁעמְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס עֶס אִיז דָא מַחֲלֹקֶת אוֹיפְן רֶבִּי'ן אוּן אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים; דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶערֶעדְט דֶערְפוּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן צג), דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:), דַאוֶוענֶען אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ פוּן דִי וֶועלְט, "וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם", אוּן מֶענְטְשְׁן טוּעֶן גְרִינְגְשֶׁעצְן אִין דֶעם; הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, מַיין זַאךְ אִיז דַאוֶוענֶען, מַיין זַאךְ אִיז הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, דֶערְפַאר טוּעֶן מֶענְטְשְׁן שְׁפֶּעטְן פוּן רֶבִּי'ן, פַארְשֶׁעמֶען אוּן קְרִיגְן, וַוייל זַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז תְּפִלָּה וָואס אִיז בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם, וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם, וְהָבֵן.

טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, זַיי נָאר מַמְשִׁיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, לֶערְן שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן ע"ו), וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז בַּיים לֶערְנֶען זָאל מֶען דֶער עִיקָּר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג נֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס לִיגְט דִיר אוֹיפְן הַארְץ, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִים צוּ דִינֶען וְכוּ' וְכוּ'.

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, זֵיי פִירְן זִיךְ זֵייעֶר אֵיידְל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוּן דַאוֶועגֶען מִיט אַ חַיוּת.

...

## דִי בָּחוּרִים זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אַ גְרוּס פוּן מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען אוֹיף וָואס דוּ אוּן דַיין וַוייבּ הָאבְּן זֵיי גֶעהָאלְפְן, דִי וָואךְ צַייט וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; סַיי מִיט דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים, סַיי מִיט דִי וֶועגְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ טוּ דִיךְ אוֹיךְ דַאנְקֶען פַארְן הֶעלְפְּן מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר זֵיי, אַלֶע יָארְן פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפֶנְט דִי יְשִׁיבָה, תַּלְמוּד תּוֹרָה, בֵּית פֵיגָא וְכוּ׳, זֶענֶען זֵיי אַלְץ גֶעשְׁטַאנֶען אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶועזְן מִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ, מִיט אַזוֹיפִיל לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט.

דוּ וֶועסְט עֶס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, וַוייל דוּ בִּיסְט אַרַיין אִין אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ שְׁטוּבּ, דַיין שְׁוֶוער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאךְ בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער לוֹיט וִוי מֶען זֶעט בַּיי חֲבֵרִים, בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וִוי זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער יִסּוּרִים אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים פוּן אַ שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, וִוי מֶען נֶעמְט זִיךְ אוֹיף זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער פַארְן אֵיינְצִיגְסְטְן חֵטְא פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וִוי מֶען טְרִינְקְט זֵיי אוֹיס דִי בְּלוּט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; דַארְף אִיךְ זֵיי אַזוֹי דַאנְקֶען אוּן מַכִּיר טוֹבָה זַיין פַארְן זַיין אַזוֹי לִיבְלִיךְ אוּן וַוארֶעם בַּיים מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי״ן.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי אָן מִיט דִי יְשִׁיבָה, דִי גְרִיסְן זֶענֶען זֵייעֶר גוּטֶע, רֶעד צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, גְלֵייבּ אַז יֶעדֶע וָוארְט גֵייט אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער; נִישְׁט אַלְץ זֶעט מֶען גְלַייךְ וָואס עֶס טוּט אוֹיף, אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער, אַז יֶעדֶע וָוארְט פוּן תּוֹרָה אוּן פוּן חִיזּוּק אוֹיף תּוֹרָה וְיִרְאַת

שָׁמַיִם - גֵייט אַרַיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים, מֶען דַארְף נָאר אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז מֶען זֶעט וָואס עֶס הָאט אוֹיפְגֶעטוּן.

זַיי מְחַזֵּק דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה אוּן פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת בְּאֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ, זָאג זֵיי אַז אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן יֶעדְן בָּחוּר אָן אוֹיסְנַאם צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט אָבֶּער אַלֶע דַארְפְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז מְתַקֵּן כָּרֵת וְד' מִיתוֹת בֵּית דִּין, עֶס אִיז מְזַכֵּךְ וּמְטַהֵר אֶת הַנֶּפֶשׁ. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע וֶועלְן פָאלְגְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזַא שְׁוֶוערֶע לַאסְט אוֹיף מִיר, דִי מוֹסְדוֹת דְרִיקְט, דָאס דַארְפְן אוֹיפְקוּמֶען יֶעדֶע חוֹדֶשׁ מִיט שְׁוֶוערֶע צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער דְרִיקְט מִיר, אוּן אַז דִי בָּחוּרִים וֶועלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט וֶועלְן זֵיי אַרָאפְּנֶעמֶען דִי שְׁוֶוערֶע לַאסְט.

...

## אַ גוּטֶע ווייבּ אָדֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע ווייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ קֶען מִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, אִיךְ מוּז דִיר שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעזֶען בַּיים זָאגְן תִּיקּוּנִים, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט (תִּיקּוּן סח, דַף צט.): "גַּן עֵדֶן 'מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב' (מִשְׁלֵי יח, כב), גֵּיהִנָּם 'וּמוֹצֶא אֲנִי מַר מִמָּוֶת אֶת הָאִשָּׁה' (קֹהֶלֶת ז, כו), וְתַרְוַייְהוּ בְּלִבָּא, 'לֵב חָכָם לִימִינוֹ, וְלֵב כְּסִיל לִשְׂמֹאלוֹ'" (שָׁם י, ב), מוֹרָא'דִיג, צְוַויי מֶענְטְשְׁן זִיצְן אֵיינֶער נֶעבְּן צְוֵוייטְן, אֵיינֶער זִיצְט אִין גַן עֵדֶן, עֶר לֶעבְּט אַ זִיסֶע לֶעבְּן, עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, עֶר זָאגְט 'מָצָא טוֹב', עֶס אִיז מִיר גוּט, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער נֶעבֶּעךְ אִיז אִין גֵּיהִנֹּם, עֶר זָאגְט 'עֶס אִיז מִיר בִּיטֶער, עֶס אִיז מִיר שׁוֹין בֶּעסֶער דֶער טוֹיט', עֶר הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף דִי וַוייבּ, אוּן אוֹיף אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים.

וֶועסְטוּ מֵיינֶען אַז דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט עֶפֶּעס בֶּעסֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן?

נֵיין, "וְתַרְוַייְהוּ בְּלִבָּא", בֵּיידֶע אִיז אִין הַארְץ, 'לֵב חָכָם', דֶער קְלוּגֶער זוּכְט גוּטְס, עֶר קֶערְט זִיךְ - 'לִימִינוֹ', עֶר זוּכְט גוּטֶע נְקוּדוֹת בַּיי זִיךְ, בַּיי דִי וַוייבּ, בַּיי דִי שְׁכֵנִים וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער צְוֵוייטֶער, 'וְלֵב כְּסִיל', דִי הַארְץ פוּנֶעם נַאר - 'לִשְׂמֹאלוֹ', עֶר קוּקְט נֶעגֶעטִיוו, עֶר קוּקְט לִינְקְס, עֶר זוּכְט דִי חֶסְרוֹנוֹת בַּיי זִיךְ, בַּיי דִי וַוייבּ, בַּיי דִי שְׁכֵנִים, מִשְׁפָּחָה וְכוּ' וְכוּ'.

אֵיינֶער הֶענְגְט אוֹיף אוֹיפְן טִיר: "בְּרוּכִים הַבָּאִים לְגַן עֵדֶן, מִשְׁפַּחַת...", אוּן דֶער שָׁכֵן שְׁרֵייט: "גֵיהִנֹּם..." עֶר זוּכְט ווִי עֶר קֶען נָאר אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס דְרֵייט אוּנְזֶער קָאפּ שְׁטֶענְדִיג לְיָמִין, מִיר זָאלְן זוּכְן דָאס גוּטְס בַּיי זִיךְ, בַּיי דִי וַוייבּ, בַּיי דִי קִינְדֶער וְכוּ'.

...

### מֶען דַארְף אַרוֹיסְגֵיין אִינְדֶערְפְרִי פוּן שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר לֶערְנֶען אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, נִישְׁט אַלֶע אִינְטֶעלִיגֶענְט ווֵייסְן דֶערְפוּן.

זִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ טָאג אוּן נַאכְט - אִיז אַ סַכָּנָה, דִי שָׁלוֹם בַּיִת קֶען צֶעפַאלְן, מֶען דַארְף אַרוֹיסְגֵיין אִינְדֶערְפְרִי פוּן שְׁטוּבּ, אָדֶער גֵיין אִין כּוֹלֵל, אָדֶער גֵיין אַרְבֶּעטְן, אוּן פַארְנַאכְטְס צוּרִיק אַהֵיים קוּמֶען, אוֹיבּ מֶען זִיצְט אִין שְׁטוּבּ טָאג אוּן נַאכְט - אִיז דָאס אַ סַכָּנָה, עֶס קֶען חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן אוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, דָאס הֵייסְט, אוֹיבּ וֶוען דִי וַוייבּ גֵייט צוּ דִי אַרְבֶּעט זֶעט זִי אִיר תַּכְשִׁיט נָאךְ שְׁלָאפְן, אָדֶער זִיךְ דְרֵייעֶן וְכוּ', אוּן וֶוען זִי קוּמְט אַהֵיים פוּן אַרְבֶּעט שְׁלָאפְט נָאךְ אִיר תַּכְשִׁיט אָדֶער דְרֵייט עֶר זִיךְ אוּן פְרֵייט זִיךְ, קֶען דָאס בְּרֶענְגֶען נִישְׁט גוּטְס.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטֵיי אוֹיף פְרִי אוּן גֵיי אִין מִקְוֶה, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶּוענֶען, אוּן נָאכְן דַאוֶּוענֶען - גֵיי אָדֶער אִין כּוֹלֵל אָדֶער גֵיי אִין אַרְבֶּעט, טוּ

עֶפֶּעס, גֵיי נִישְׁט לֵיידִיג, און אַז דַיין וַוייבּ קוּמְט אַהֵיים פון איר אַרְבֶּעט פִינְף אַזֵייגֶער, זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן, לָאז אִיר הָאבְּן אַפָּאר מִינוּט פַאר זִיךְ צוּ אָטֶעמֶען (בִּכְלַל אִיז נִישְׁט גוּט נָאכְצוּלוֹיפְן דִי וַוייבּ, עֶנְדֶערְשׁ זָאל זִי נָאכְלוֹיפְן דֶעם מַאן), און אַז זִי קוּמְט אַהֵיים פְרִיעֶר - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַהֵיים לוֹיפְן, לָאז אִיר אָטֶעמֶען, לָאז אִיר וַוארְטְן אַפָּאר מִינוּט אוֹיף דִיר.

זַיי שְׁטַארְק מִיט אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, און זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִים, און לֶערְן אַסַאךְ סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

...

## שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּרֶעסְטְן, וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּרֶעסְטְן, שׁוֹין יָארְן וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע פְּרֶעסְטְן, מֶען דַארְף זֶען אַז אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין וַוארֶעם, אִין שְׁטוּבּ זָאל מֶען זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, בִּפְרַט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט און אוּנְז גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ, מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער.

הַיינְט אִיז גֶעוָוארְן אַ צָרָה, מֶען קֶען זַיין אִין שְׁטוּבּ און מֶען אִיז נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ; דִי גוּף אִיז אִין שְׁטוּבּ, און דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה, נְשָׁמָה - אִיז אִין דִי אַנְדֶערֶע עֶק וֶועלְט - דוּרְךְ זִיצְן אוֹיף דִי כֵּלִים, קוּקְן נַייעֶס, שְׁפִּילְן גֶעימְס, זֶען לֵיצָנוּת, הֶערְן מֶענְטְשְׁנְ׳ס בּוֹיךְ וֵויי; וֶוען דִי אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁטֶע וַוייבּ, אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁט ווִי אַ שְׁמַאטֶע פוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער, אוֹיפְשְׁטֵיין יֶעדֶע פוּפְצְן מִינוּט צוּ דִי קִינְדֶער, הָאדֶעוֶוען קִינְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳, און זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ, עוֹשֶׂה רְצוֹן בַּעְלָהּ וְכוּ׳ וְכוּ׳, און זִי וַוארְט אִיר מַאן זָאל אִיר הֶעלְפְן, אִיר אוֹיסְהֶערְן, אִיר גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, אִיר טְרָאגְן, אִיר בְּרֶענְגֶען, און דִי כֵּלִים הָאבְּן אַ מַאגְנֶעט, עֶס צִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אַרוֹיס פוּן דִי וֶועלְט.

דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז הִתְבּוֹדְדוּת; נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען

גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערן. אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס פְּרִיוַואט, דֶער סֶמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר בְּהֶקִיץ, מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אִין שְׁטוּבּ אַ קְלֵיינֶע קָאמְפְּיוּטֶער, אַ לֶעפְּטַאפּ, אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיפְטוּן, קֶענֶען שְׁרַייבְּן סְפָרִים... שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון... פַּאר אַ שְׁטִיק צַייט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט, נָאר נָאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט נַארְן, אִיךְ זָאל ווִיסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג, הָאבּ אִיךְ עֶס אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן שְׁטוּבּ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

דִי אַלֶע וָואס לוֹיפְן אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, זֵיי גֵייעֶן מִיט חֲבֵרִים, מֶען גֵייט אִין שְׁוִויץ, אוּן אֲפִילוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, דִי אַלֶע זֶענֶען אִין דִמְיוֹן, דִי אַלֶע זֶענֶען אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת.

נִישְׁטָא קֵיין חֲבֵרִים, נָאר דֶער צַדִיק אִיז אַן אֱמֶת'עֶר חַבֵר, עֶר וִויל אוּנְזֶער גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי לִיכְט פוּן אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבַט, יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרַאֲ"שׁ זי"ע, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

שְׁטַארְקְט אֵייךְ מִיטְן מְתַרְגֵם זַיין דִי בְּרִיוְון פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוֹיף עֶנְגְלִישׁ, פַאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי אִידִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ.

עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט, אוּן מֶען הֶערְט צוּרִיק גְרִיסְן פוּן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן "דִי לִיכְט פוּן אֱמוּנָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אֵייךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט נַחַת אוּן גֶעזוּנְט אוּן הַצְלָחָה, אוּן אִיר זָאלְט וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְקָרֵב זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

...

## אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם גֶעשֶׁעפְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבַט, יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרַא"ש זי"ע, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעדֶענְק, דִי סוֹד פוּן הַצְלָחָה אִיז אַרַיינְצוּנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם גֶעשֶׁעפְט, אַז דוּ הֵייבְּסְט אָן אַ נַייעֶ פְּרָאיֶעקְט זָאלְסְט אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַזוֹי וֶועט זַיין הַצְלָחָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סג.): "כָּל הַמְשַׁתֵּף שֵׁם שָׁמַיִם בְּצַעֲרוֹ", וֶוער עֶס נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אִין זַיין פְּלָאג, אִין זַיין מַאטֶערְנִישׁ - "כּוֹפְלִים לוֹ פַּרְנָסָתוֹ", טָאפְּלְט מֶען אִים דִי פַּרְנָסָה.

ווִי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן? 1) מֶען גֵייט נִישְׁט מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן אֵיידֶער מֶען דַאוֶוענְט, (דָאס אִיז אוֹיךְ מִיטְן טֶעלֶעפָאן), 2) מֶען הָאט אַ צְדָקָה פּוּשְׁקֶע אִין אָפִיס אוּן מֶען לֵייגְט אַרַיין פְּרוּטוֹת אוּן מֶען בֶּעט אוֹיף דִי גֶעשֶׁעפְט עֶס זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה, 3) יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, אוּן אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן אַבִּיסְל גְמָרָא, 4) וֶוען דִי וַוייבּ רוּפְט, אֲפִילוּ מֶען הַאלְט אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט - זָאל מֶען שֵׁיין רֶעדְן, וַוייךְ אוּן אֵיידְל; טוּ דִי זַאכְן וֶועסְטוּ הָאבְן גְרוֹיס שֶׁפַע.

אַז דוּ מַאכְסְט גֶעשֶׁעפְטְן מִיט גוֹיִם זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ הַאלְזְן מִיט זֵיי, עֶס אִיז אַ סַכָּנָה זִיךְ צוּ אַרוּם נֶעמֶען מִיט אַ נִישְׁט אִיד, אוּן מִיט אַ אִיד וָואס הַאלְט נִישְׁט דִי תּוֹרָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַרְחָקַת הָרְשָׁעִים חֵלֶק ב, סִימָן ג): "צָרִיךְ אָדָם לִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ, מִלְּנַשֵּׁק אֶת עַצְמוֹ עִם רְשָׁעִים", מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן זִיךְ נִישְׁט צוּ קוּשְׁן מִיט אַ רָשָׁע, "כִּי עַל יְדֵי הַנְּשִׁיקָה נַעֲשֶׂה בֵּינֵיהֶם הִתְקַשְּׁרוּת גַּם לְאַחַר מִיתָה", וַוייל דוּרְכְדֶעם וֶוערְט מֶען צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רָשָׁע אוֹיךְ נָאכְן שְׁטַארְבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן; אוֹיךְ דַיין וַוייבּ דַארְף דָאס וִויסְן, אוֹיבּ זִי הָאט אַמָאל צוּטוּן מִיט גוֹי'טֶעס - זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְנֶעמֶען, וַוייל דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר פַארְן לֶעבְּן.

...

## דִי לֶעצְטֶע גֶעבֶּעט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, מִיר דַארְפְן אָנְהַאלְטְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן אוּן גֶעבֶּעטְן דִי לֶעצְטֶע גֶעבֶּעט פוּן שְׁפִּיטָאל, מִיר זָאלְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחֲלֹקֶת. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט דָארְט דֶעם לָשׁוֹן: "דָּבָר אֶחָד שֶׁאֲנִי מְבַקֵּשׁ אֶתְכֶם בַּקָּשָׁה אַחֲרוֹנָה מֵחַיַּי", אִיךְ בֶּעט אַייךְ דִי לֶעצְטֶע בַּקָּשָׁה פוּן מַיין לֶעבְּן, "שֶׁתַּחְזִיקוּ אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, "לָכֵן זֶה עִקַּר רְצוֹנִי שֶׁיִּהְיֶה רַק אַהֲבָה בֵּין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, כִּי הַרְבֵּה צָרוֹת בָּאוּ וְיָצְאוּ מִמַּחְלֹקֶת וּמְרִיבוֹת", מַיין גַאנְצֶע ווִילְן אִיז אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל פוּן מַחֲלֹקֶת קוּמְט אַרוֹיס נָאר צָרוֹת.

הַיּוֹם תְּאַמְּצֵנוּ, לָאמִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען אָפְּצוּלָאזְן אַלֶע מַחֲלֹקֶת, לָאמִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי פַיינְטְשַׁאפְט פוּן הַארְץ, לָאמִיר עֶפֶּעס צוּרִיק טוּן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ פַאר דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פַאר אוּנְז. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט צוּם סוֹף פוּנֶעם בְּרִיוו נָאכְאַמָאל: "הַחְזִיקוּ אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד וְאַף פַּעַם לֹא לְהִתְעָרֵב בְּשׁוּם מַחְלוֹקֶת שֶׁרַק יֵשׁ בָּעוֹלָם", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִישְׁן אִין קֵיין שׁוּם מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט; אוּן אִיךְ זָאג דִיר אַז אִיךְ מַאךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף דֶעם, דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּ מִיר כְּסֵדֶר פַארְשְׁטֶעלְט אַזוֹי אוּן אַזִי, מִיךְ וֶועלְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן דוּרְךְ מִיךְ אַרַיינְשְׁלֶעפְּן אִין מַחֲלֹקֶת, אָבֶּער אִיךְ גֶעדֶענְק מַיין צוּזָאג וֶוען מֶען הָאט מְלַוֶּה גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"שׁ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן אִינֶעם אַמְבּוּלַאנְס מִיט דִי מִטָּה וואו מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעלֶעגְן, אִיךְ הָאב דָארְט זֵייעֶר גֶעוויינְט, נָאךְ אַפָּאר פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען, ר׳ יַעֲנְקֶל נֵרוֹ יָאִיר, אוֹיךְ ר׳ שִׂמְחָה לֶעוִוי'ס קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט מַאכְן קֵיין מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אוּן אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין מַחֲלֹקֶת עֶרְגֶעץ וֶועל אִיךְ אַנְטְלוֹיפְן דֶערְפוּן, אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שַׁיְיכוּת מִיט דֶעם; בָּרוּךְ הַשֵּׁם

אִיךְ שְׁטֵיי בַּיי מַיין צוּזָאג, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט קֵיין מַחֲלֹקֶת אוּן אִיךְ בֶּעט אוֹיף דֶעם.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט הֶעלְפְן אוּנְזֶער בֵּית הַדְפוּס דְרוּקְן אוּן מְפַרְסֵם זַיין דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וְוִי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס זָאלְסְטוּ טוּן לְכָבוֹד דִי יָארְצַייט, מַאךְ אַ נַחַת רוּחַ פַּאר מוֹהֲרָא"שׁ מִיט דְרוּקְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶ' דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעפָארְן צוּ דִי יָארְצַייט, עֶס אִיז שׁוֹין דִי עֶלְפְטֶע יָארְצַייט, אִיךְ בִּין נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אִין יַבְנְאֵל בַּיי דִי יָארְצַייט מִכַּמָּה סִיבּוֹת וָואס אִיךְ דַארְף קֵיינֶעם נִישְׁט זָאגְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מִיט אוּנְז, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אִין אַלֶע שׁוּל'ן וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ אוֹיף זַיין נָאמֶען, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אִין יְשִׁיבָה סַיי אִין שְׁטֶעטְל אוּן סַיי אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן אוֹיךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם; וַוייל דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּנֶעם צַדִיק אוּן דָארְט וואוּ מֶען פִירְט זִיךְ וְוִי דֶער צַדִיק הָאט גֶעלֶערְנְט - דָארְט אִיז דֶער צַדִיק, דָאס אִיז קְלָאר, אוּן דָארְט וואוּ מֶען אִיז זִיךְ מְקַשֵּׁר מִיטְן צַדִיק - קֶען מֶען דָארְט אַלֶעס פּוֹעֵל'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶעלְפְן בַּיי דִי מַצָּה בֶּעקֶערֵיי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבָט, יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**יְשַׁעְיָ' נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען בַּאזוּכְן אִין אוּנְזֶער "מַצָּה בֶּעקֶערֵיי", אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען וְוִי מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאקְן מִצְוַת.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן בַּיי דִי מַצָּה בֶּעקֶערֵיי, פְּרֶעג הָאבְּרֶךְ נֹחַ הֶערְשׁ וֵוייס וָואס דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן; וַוייל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּקְן

זֵייעֶר אַרוֹיס צוּ עֶסְן מַצּוֹת וָואס אִיז גֶעבַּאקְן מִיט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, דוּרְךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים וָואס רֶעדְן אֵיידְל אוּן זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד.

לֵיידֶער אִיז דָא בַּיי חָשׁוּבְ'עֶ מַצָּה בֶּעקֶערֵייעֶן וואו גֶעפַּאלֶענֶע בָּחוּרִים אוּן גֶעפַּאלֶענֶע גְּרוּשִׁים וְכוּ' אַרְבֶּעטְן דָארְט, וָואס בַּיים אַרְבֶּעטְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַצּוֹת רֶעדְן זֵיי זֵייעֶר שְׁמוּצִיג, נִידְרִיגֶע גֶעמֵיינֶע נִיבּוּל פֶּה. פִּינְקְט נֶעכְטְן זָאגְט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין אַרְבֶּעט, עֶר פְּלֶעגְט אַרְבֶּעטְן בַּיי אַ מַצָּה בֶּעקֶערֵיי פוּן אַ חָשׁוּבְ'עֶ קְהִילָה, עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין אַרְבֶּעט, עֶר זִיצְט אִין שְׁטוּב, פְּרֶעג אִיךְ אִים: "וָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי מַצּוֹת?" זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט צוּלִיב דִי שְׁמוּצִיגֶע גֶעמֵיינֶע שְׁמוּעֶסְן, עֶר זָאגְט מִיר עֶס אִיז מֶער גֶעפֶערְלִיךְ ווִי מֶען קֶען טְרַאכְטְן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן בַּיי דִי מַצּוֹת, מִיר זָאלְן הָאבְן הֵיילִיגֶע מַצּוֹת, אוּן וֶוען דוּ וֶועלְגֶערְסְט, רֶעדְלְסְט, שִׁיבְּסְט וְכוּ' - זָאלְסְטוּ נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ מַאכְן פוּן קָנָה חֵי"ת, מַאכְן הֵ"א, מַאכְן פוּן חָמֵץ - מַצָּה, נִישְׁט הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, פָּטוּר וֶוערְן פוּן קָנָה דְּסִטְרָא אַחֲרָא, גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן סִטְרָא דְּמוֹתָא, נִישְׁט מַחְמִיץ זַיין דִי מוֹחִין (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן ה, אוֹת ד).

...

## צוּרִיק בַּאקוּמֶען דַיין רוּחַ חַיִּים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבַט, יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"ש זי"ע, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז דָא אַ וָוארְט פוּן רֶבִּי'ן: "אִיז דֶען אַ קוּנְץ אַרָאפְּצוּוַארְפְן אַ אִיד, אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְן אַ אִיד!" דָאס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז אוֹיךְ בַּיי זִיךְ אַלֵיין, דִי קוּנְץ אִיז זִיךְ אוֹיפְהֵייבְן, זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט וָואס מֶען הָאט יָא, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטְס וָואס עֶר טוּט.

לִיבֶּער טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אִיךְ זֶע אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר וְכוּ׳, ווייל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין, נֶעם דִי לִימוּד פוּנֶעם צַדִּיק, פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, אוּן נֶעם דִי עֵצָה פוּן גֵיין אוּן זִיךְ אוֹיסְבַּאהַאלְטְן אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דוּרְךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

שְׁטֵיי אוֹיף פְּרִי, גֵיי אִין מִקְוֶה, גֵיי אִין אַ ווִינְקֶל אִין אַ שׁוּל מִיט אַ פֵּייל סְפָרִים; אַ חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, מִיט אַ תְּהִלִּים, אוּן זַיי זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועסְטוּ צוּרִיק בַּאקוּמֶען דַיין רוּחַ חַיִּים, דַיין לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, אוּן גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֶטַיֵּיל עִמָּכֶם בְּגַן עֵדֶן" (רַשִׁ"י וַיִּקְרָא כו, יב), שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אוֹיס דַיין הַארְץ, אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶתְ׳עֶ שִׂמְחָה, זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, אוּן מִיט ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי׳; אִיךְ זָאג דִיר, מֶער פוּן דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט, ווַייל דִי צְוֵויי עֵצוֹת זֶעטִיגְט דִי נֶפֶשׁ, מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן.

...

## מֶער אוּן מֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אוֹצְרוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבַט, יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זי"ע, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**אַשְׁר יַעֲנְקֶל נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין הַיינְט אוֹיף אַ בַּאזוּךְ אִין שְׁטֶעטְל אִינֶעם "בֵּית הַדְּפוּס", אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרַא"שׁ, אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אִין יַבְנְאֵל בַּיי דִי צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ, לָאמִיר זַיין בַּיי דִי נְשָׁמָה פוּן מוֹהֲרַא"שׁ, דִי נְשָׁמָה פוּן צַדִּיק אִיז בַּיי הַדְפָּסָה, דָאס הָאט מוֹהֲרַא"שׁ גֶעלֶעבְּט, דָאס הָאט מוֹהֲרַא"שׁ גֶעאָטֶעמְט, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אַרוּם הַדְפָּסָה, אִיז פַּאסִיג צוּ זַיין דָארְט בַּיים יָארְצַייט, מְחַזֵּק זַיין דִי זַאךְ וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעוָואלְט.

דִי יָארְצַייט סְעוּדָה מִיט דִי מְסִבַּת הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים וְכוּ׳ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זֵייעֶר אָנְגֶעוַואֶרעמְט גֶעוָוארְן צוּ הֶעלְפְן דֶעם בֵּית הַדְּפוּס; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אָנְגֵיין, מֶער אוּן מֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אוֹצְרוֹת אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיד וֶוערְן.

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, דוּ הָאסְט אַ גְרוֹיסֶע חֵלֶק אִינֶעם גְרוֹיסְן אַפֶּערַאצִיֶע פוּנֶעם בֵּית הַדְּפוּס, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט זֶען יְשׁוּעוֹת אִין דֶעם גְרוֹיסְן טָאג, אִינֶעם יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ.

...

## דִי דִמְיוֹן פוּן חֲבֵרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, טַייעֶרֶער חָבֵר, לָאז דִיךְ אָפּ פוּן דִי דִמְיוֹן ׳חֲבֵרִים׳, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דִמְיוֹן, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן, מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְבְּרֶענֶען אוּנְזֶערֶע טֶעג, אוּנְזֶער יָארְן, מִיט כְּלוֹמַר׳יִשֶׁע חֲבֵרִים, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: ״אוֹיבּ אִיז דָא אַ חָבֵר - אִיז דָאס דִי וַוייבּ״; זִי אִיז דִיר גֶעטְרֵיי, זִי הֶעלְפְט דִיר מְגַדֵּל זַיין דִי קִינְדֶער.

עֶס וֵויינְט מִיר מַיין הַארְץ פַארְוָואס אִיךְ קֶען צוּרִיק הֶערְן אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים ווִי זֵיי זֶענֶען פַאר׳שִׁיכּוֹר׳ט מִיט חֲבֵרִים, פַאר׳שִׁיכּוֹר׳ט מִיט דִי טֶעלֶעפָאן; דִי וַוייבּ פַאלְט פוּן דִי כֹּחוֹת, זִי הָאט פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער, זִי אִיז אַ שְׁמַאטֶע, אוּן דֶער מַאן אִיז אִין זַיין וֶועלְט מִיט זַיינֶע כֵּלִים, טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט וְכוּ׳, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס וֶועט דָא זַיין...?

מֶען קוּקְט אוּנְז אָן ווִי דִי שְׁוַואכֶע פוּן בְּרֶסְלֶב, וַוייל בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען טָאג אוּן נַאכְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ׳; הֶער אוֹיס טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַז מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן שְׁטוּבּ קַיין מִירוֹן וְכוּ׳ אִיז מֶען נִישְׁט נָאר אַ קַל, נָאר מֶען אִיז אַ שׁוֹטֶה אוּן אַן אַכְזָר, (אַז מֶען הָאט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער), אַנְטְלוֹיפְן פוּן

שְׁטוּב אִיז נִישְׁט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס אִיז פָּשׁוּט זַיין אַ שְׁלֶעכְטֶער, וַוייל מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, מֶען זָאל הֶעלְפְּן דִי וַוייבּ, הֶעלְפְּן מִיט דִי קִינְדֶער, הֶעלְפְן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, (אִיךְ גֶעדֶענְק גָאר גוּט, אֵיידֶער מַיין הִתְקָרְבוּת וִוי אַזוֹי מֶען אִיז אִין דִי דִמְיוֹן וְכוּ' וְכוּ').

הַלְוַואי זָאל אִיךְ הָאבְּן דִי זְכִיָ' דָאס צוּ קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען זָאל נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין דִי טֶעג אוּן דִי יָארְן מִיט דִי דִמְיוֹן פוּן חֲבֵרִים, מֶען זָאל זַיין אִין שְׁטוּב הֶעלְפְּן דִי וַוייבּ, מְחַזֵּק זַיין דִי וַוייבּ, אַזוֹי הָאט מֶען הֵיילִיגֶע מוֹחִין, דָאס אִיז אַן אֱמֶתְ'עֶ עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען קֶען זַיין אַ אִיד נָאר מִיט דִי דְרַיי תְּפִילוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר הָאבְּן נָאךְ אַפָּאר טֶעג פוּן דִי יְמֵי הַשּׁוֹבְבִי"ם צוּ פַארֶרעכְטְן וָואס מִיר דַארְפְן פַארֶרעכְטְן; זַיי זִיךְ מְקַבֵּל צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב - אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, אַז מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ הַשְׁגָּחָה, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשָׁאֵיל בּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אוּן אֵיין טָאג פַארְפֶעלְט עֶר צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל פְרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל וַוייטֶער קֶענֶען קוּמֶען, עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ דֶער פְּרָאבְּלֶעם.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הֵייבּ אָן דַיין טָאג מִיט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית; מַאךְ נִישְׁט קֵיין שׁוּם זַאךְ, גֵיי נִישְׁט אִין קֵיין שׁוּם פְּלַאץ - אֵיידֶער דוּ דַאוֶוענְסְט שַׁחֲרִית, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף מִנְחָה מַעֲרִיב, וַוייל דָאס הַאלְט דֶעם אִיד

בַּיי אִידִישְׁקֵייט; אַז מֶען הֵייבְּט אָן מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי דְרַיי תְּפִילוֹת אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, מֶען קֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶּועק פַאלְן. מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַזוֹיפִיל פוּן מוֹהֲרָא"ש דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח) וְוי דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת נד.) עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: "מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הֲוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵי", דִי מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל אִיז דְרַיי פַּרְסָה; תְּלָתָא פַּרְסֵי אִיז דִי דְרַיי תְּפִילוֹת, דָאס הַאלְט אַ אִיד בַּיי קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל, מֶען קֶען זַיין אַ אִיד נָאר מִיט דִי דְרַיי תְּפִילוֹת.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַז מֶען וִויל תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף מֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע אַוֶּועק וַוארְפְן אַלֶע כֵּלִים וואוּ מֶען קֶען זֶען עֲבֵירוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית טז.): "אָדָם שֶׁתּוֹפֵס שֶׁרֶץ בְּיָדוֹ, אֲפִלּוּ טוֹבֵל בְּכָל מֵימוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא עָלְתָה לוֹ טְבִילָה, זְרָקוֹ מִיָּדוֹ כֵּיוָן שֶׁטָּבַל בְּאַרְבָּעִים סְאָה מִיַּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה", וֶוען אֵיינֶער אִיז טָמֵא אוּן טוֹבֵל'ט זִיךְ - וֶוערְט עֶר רֵיין נָאר אוֹיב עֶר לָאזְט אָפּ דֶעם טוֹיטְן שֶׁרֶץ, וַוייל וִוי לַאנְג מֶען הַאלְט אָן דֶעם שֶׁרֶץ, אֲפִילוּ מֶען טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין אַלֶע וַואסֶערְן, בְּלַייבְּט מֶען טָמֵא.

נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, נֶעם אַ גְמָרָא אוּן זָאג בְּלֶעטֶער גְמָרָא, וַואשׁ זִיךְ אָפּ פוּן אַלֶע אַלְטֶע שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרֵיינְלֵייגְן וָואס מֶער כֹּחַ אִינֶעם הַאטְלֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**משֶׁה נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאב זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דִיךְ צוּ טְרֶעפְן דִינְסְטָאג נַאכְט אֵיידֶער דִי יָארְצַייט סְעוּדָה, בַּיים צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְרִיבְנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פָּארִיגֶע וָואךְ לֵיל שִׁשִּׁי בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין קִרְיַת יוֹאֵל, אִיךְ זֶע אַז דוּ לֶעבְּסְט בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים, וִוי דוּ קֶענְסְט נָאר גֵייסְטוּ צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, דוּ זָאגְסְט דָארְט תְּהִלִּים אוּן דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד;

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ, אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ, בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים קֶען מֶען גוּט מִתְפַּלֵל זַיין, מֶען קֶען זִיךְ דָארְט אוֹיסְבֶּעטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן אַרוֹיפְלֵייגְן אַלֶע שִׁיעוּרִים אוֹיפְן הַאטְלַיין קוֹל בְּרֶסְלֶב, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ מֵתִים דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים. הַלְוַואי זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן וָואס מֶער כֹּחַ אִינֶעם הַאטְלַיין, וָואס מֶער הַארְץ, דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן וָואס מֶער, צוּ רַאטֶעוֶוען דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאַכְזָר שִׁיסְט זֵיי מִיט דִי צֶען פַיילְן בַּאשְׁמִירְט מִיט דִי צֶען עֶרְלֵיי גִיפְט רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן מֶען דַארְף דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הֵיילְט זִי, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט: "אוּן אִיךְ הֵייל זִי" (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס).

...

## לֶערְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, וֶועט דִיר גוּט זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶוערְט מֶען אַן אֶמֶת׳עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען וֶוערְט אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס, דֶער רֶבִּי וֶועקְט אוֹיף פוּן שְׁלָאף, מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף וָואס מֶען דַארְף. וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף גֶעלְט צוּ צָאלְן פַאר מַיין דִירָה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף גֶעלְט פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער".**

לֶערְן דִי סְפָרִים, לֶערְן דִי בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַחַל אוּן פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן

הֶער זִיךְ צוּ צוּ דִי שִׁיעוּרִים - וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַ שְׁטַארְקֶע שֵׂכֶל צוּ לֶעבְּן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

לֶערְן יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, הֲלָכָה וְאַגָּדָה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם 'יוֹם תְּהִלִים', אוּן וְהָעִקָּר זַיי מְשׁוּנֶה פְרֵיילִיךְ.

...

## אַ נֵס אַז דוּ הָאסְט אַן עֶרְלִיכֶע אֵיידֶעלֶע וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַן אֵיידֶעלֶע וַוייבּ, אִיךְ הָאף דוּ הַאלְסְט אִיר טַייעֶר, אִיךְ הָאף דוּ גֶעבְּסְט אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער אַז זִי אִיז עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידְל.

זַיי נִישְׁט מְקַנֵא דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, אִיךְ וֵייס אַז נִישְׁט אַלֶע דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידְל, אוּן חַס וְשָׁלוֹם זָאלְסְט זָאגְן דַיין וַוייבּ זִי זָאל זַיי נָאכְמַאכְן חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין צג.): "אֱלֹקֵיהֶם שֶׁל אֵלּוּ שׂוֹנֵא זִימָּה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַּיינְט זִמָּה, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דִי וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן וִוי אַזוֹי זֵיי וִוילְן - זֵיי הָאבְּן אַ לֶעבְּן, אָבֶּער עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר, דִי יוּנְגֶע יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט פוּן זֵיי הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה צֶעפַאלְט.

דוּ הָאסְט אַ נֵס אַז דוּ הָאסְט אַן עֶרְלִיכֶע אֵיידֶעלֶע וַוייבּ, זָאלְסְט אִיר אוֹיסְלוֹיבְּן, זָאלְסְט אִיר דַאנְקֶען פַארְן זַיין אֵיידְל, אַזוֹי קוּמְט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי הָאט מֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ - אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, אוּן לֶערְן מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אֲפִילוּ נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוֹיךְ גְמָרָא זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען.

...

## דוּרְךְ זַיין פְרֵייליךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעט מֶען וואוּנְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, הָאבּ נִישְׁט קֵיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעם אָן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "וְאִם קִבְּלוֹ בְּאַהֲבָה", אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אָן מִיט לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - "יִרְאֶה זֶרַע", אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, "יַאֲרִיךְ יָמִים", אוּן צוּ אַ לַאנְגֶע לֶעבְּן.

זַיי פְרֵייליךְ אוּן מַאךְ פְרֵייליךְ דַיין וַוייבּ, דוּרְךְ שִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זֶען נִיסִים, דוּרְךְ זַיין פְרֵייליךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶעט מֶען וואוּנְדֶער, מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין טֶבַע, נִישְׁטָא קֵיין מַזָל, נִישְׁטָא קֵיין פַּאסִירוּנְג, נָאר אֵיין זַאךְ אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין; עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן עֶר מַאכְט אַלֶעס.

...

## אַ דוּרְכְפַאל, אַ נַאר, אַן אוּמְגֶעלוּנְגֶענֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

דֶער רֶבִּי הָאט פַאר אוּנְז אַ וֶועג, אַ נַייעֶם וֶועג, זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין; אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן - זָאל מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן.

אַז דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אִין אֵיין וָוארְט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת, אִיז דָאס אֵיין וָוארְט: "הִתְחַזְקוּת", זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן אֲפִילוּ אַלֶעס גֵייט מִיטְן פְּטוּם אַרָאפּ, קַאפּוֹיעֶר - אִיז מֶען וַוייטֶער פְרֵייליךְ, מֶען זִינְגְט אוּן מֶען טַאנְצְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ אֲפִילוּ זַאכְן גֵייעֶן פַארְקֶערְט ווִי דוּ ווִילְסְט, אֲפִילוּ דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אַ

דוּרְכְפַאל, אַ נַאר, אַן אוּמְגֶעלוּנְגֶענֶער, זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פָאלְגְן דִי עֵצוֹת, וּבְעִקָּר זַיין פְרֵייליךְ; וֶועסְטוּ אַלֶעס דוּרְכְגֵיין בְּשָׁלוֹם.

...

## זָאג מִשְׁנַיוֹת, זָאג אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען דִי יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ בִּין זִיךְ אַזוֹי מִתְבּוֹנֵן, אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁמוּעֶסְן וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן וִוי שְׁטַארְק אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אוֹיסְרֶעדְן מַיין הַארְץ, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מִיר: "זָאג מִשְׁנַיוֹת, זָאג אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת", אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער גֶעוָואלְט רֶעדְן, וַוייל עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מַיין הַארְץ מִיט וֵוייטָאג פוּן אַזוֹי לַאנְג וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן טוּן פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט עֲבוֹדוֹת מְשֻׁנּוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן, אוּן נָאכְן גֵיין צוּ אַזוֹיפִיל גוּטֶע אִידְן, אוּן עֶנְדְלִיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן מוֹהֲרָא"שׁ הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט רֶעדְן, אָבֶער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "זָאג מִשְׁנַיוֹת", אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם דָאס הָאבּ אִיךְ דֶעמָאלְט גֶעטוּן אוּן בִּיז הַיינְט טוּ אִיךְ דָאס.

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ אוֹיךְ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת, בִּפְרַט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וַואשְׁט אוֹיס דִי נְשָׁמָה, עֶס וַואשְׁט אָפּ פוּן אַלֶע פְלֶעקְן. זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אִיז נִישְׁט מַיין זַאךְ, עֶס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, אַ שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפה), דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְן פַאר מוֹהַרְנַ"ת אוּן פַאר נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ הַנְהָגָה זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אִים גֶעזָאגְט, עֶר הָאט גֶעקֶענְט אַן אֵיינִיקְל פוּן

חַנָה צִירְל, רֶבִּי נָתָן'ס טָאכְטֶער, וָואס פְלֶעגְט נִישְׁט אוֹיסְטוֹן זַיין טַלִית וּתְפִילִין בִּיזְן עֶנְדִיגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עֶס הֵיילְט דִי נֶפֶשׁ, מֶען וֶוערְט רֵיין.

...

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז דִי אַפֶּערַאצְיֶע זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין צַעַר, דוּ זָאלְסְט מֶער נִישְׁט דַארְפְן הָאבְּן אַפֶּערַאצְיֶעס, שוֹין גֶענוּג גֶעוֶוען, יֶעצְט זָאלְסְטוּ זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

חַזֵר אֱמוּנָה, נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז אַלֶעס וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער בִּיז אַהֶער אִיז נָאר פַאר דַיין טוֹבָה; אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען דִי ווִיסְנְשַׁאפְט אִין דִיר - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, אַבִּיסְל פוּן דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע לוֹיטֶערֶע טַעַם וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין עוֹלָם הַבָּא. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד): "כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווֵייסְט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז פַאר זַיין גוּטְס, "זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא", דָאס אִיז אַבִּיסְל פוּן דִי טַעַם פוּן עוֹלָם הַבָּא; ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט חַזֶר'ן אֱמוּנָה, ווִי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה? אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וְסִפְרֵי תַּלְמִידָיו הַקְדוֹשִׁים וָואס מַאכְט לִיכְטִיג דִי אוֹיגְן, מֶען הֵייבְּט אָן קוּקְן אַנְדֶערְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה צוּלִיבּ דִי אַפֶּערַאצְיֶע זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַ שָׁאוֶוער יוֹצֵא צוּ זַיין תִּשְׁעָה קַבִּין, אוּן שְׁטַארְק זִיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; אֲפִילוּ וֶוען מֶען לִיגְט אִין בֶּעט, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, נִישְׁט לֶערְנֶען, נִישְׁט

דַאוֶּועֶנְעֶן - קֶען מֶען שָׁאקְלֶען דִי לִיפְּן, 'עֲקִימַת שְׂפָתַיִם הֲוֵה מַעֲשֶׂה', מֶען קֶען שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִילּוֹת אוּן אוֹיךְ שֶׁעפְּשֶׁען לוֹיבּ אוּן דַאנְק פַארְן בּוֹרֵא עוֹלָם.

אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּתוֹךְ שְׁאַר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל.

...

## אַ קְלוּגֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זֵייעֶר גוּט אַייעֶר וֵוייטָאג, אִיר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ רֵיינֶע הֵיילִיגֶע שְׁטוּבּ, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאט אַייעֶר מַאן אִין שְׁטוּבּ דִי כֵּלִים וָואס טוֹיגְן נִישְׁט ; אַ טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, לֶעפְּטַאפּ, אוּן נִישְׁט נָאר פַאר זִיךְ, פַאר זַיין אַרְבֶּעט קוּקְט עֶר וְכוּ', עֶר נֶעמְט דִי קִינְדֶער אוּן וַוייזְט זֵיי זַאכְן, נַייעֶס, אוּן דְזְשָׁאוּקְס, אוּן אַייעֶר הַארְץ פְּלַאצְט פוּן וֵוייטָאג, אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר קֶענְט מֶער נִישְׁט, אִיר שְׁפִּירְט וִוי אִיר בְּרֶעכְט אוּנְטֶער.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, חַס וְשָׁלוֹם אוּנְטֶערְבְּרֶעכְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט נִישְׁט קֵיין נִסָּיוֹן נָאר פַאר דִי וָואס קֶענֶען דָאס בֵּיישְׁטֵיין, אוּן אַז מֶען הָאט אַייךְ גֶעבְּרֶענְגְט דִי שִׁידוּךְ, מוּז זַיין אַז אִיר הָאט דִי כֹּחוֹת צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע אֵיידֶעלֶע שְׁטוּבּ.

לְדַעְתִּי זָאלְט אִיר נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַייעֶר מַאן פוּן דִי נוֹשֵׂא, זַייט אִים גֶעטְרֵיי, פִּירְט זִיךְ מִיט אִים מִיט וַוארֶעמְקֵייט אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, נָאר שְׁטִילֶערְהֵייט וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיסְגִיסְן אַייעֶר הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים בֶּעטְן אַ מַתְּנַת חִנָּם עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אַ רוּחַ טָהֳרָה אִין אַייעֶר מַאן, אוּן בֵּיידֶע פוּן עֶנְק זָאלְן אִינְאֵיינֶעם אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי שְׁטוּבּ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ וֵוייס זֵייעֶר אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מַעֲשִׂיּוֹת וִוי בַּיי אַייךְ,

מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דֶער מַאן הָאט גֶעכַאפְּט אַ שְׁטִיקֶל גְלִיטְשׁ, און נָאר בִּזְכוּת דִי קְלוּגֶע בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ וַוייבּ וָואס הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אַ רוּחַ טָהֳרָה אִין אִים, און מִיט סַבְלָנוּת, מִיט וַוארֶעמְקֵייט, מִיט דַן זַיין לְכַף זְכוּת - זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

(אַגַב, אַז מֶען רֶעדְט פוּן דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וָואס אִיז דִי וָוארְט ׳לְכַף׳? כַּף אִיז טַייטְשׁ אַ לֶעפְל, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען פוּן אֵיינֶע פוּן דִי גוּרְ׳עֶ רֶבִּי׳ס, עֶס אִיז דָא אַ שִׁיךְ לֶעפְל, אַמָאל וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט אָנְטוּן אַ שׁוּךְ, עֶס אִיז צוּ קְלֵיין, בַּאנִיצְט מֶען זִיךְ מִיט דֶעם, מֶען קְוֶועטְשְׁט אַרַיין דִי פוּס אִין דִי שׁוּךְ, זָאגְט עֶר, דָאס מֵיינְט דַן זַיין לְכַף זְכוּת, מֶען זָאגְט נִישְׁט דַן זַיין לִזְכוּת, וַוייל אַמָאל קֶען מֶען מַמָשׁ נִישְׁט דַן זַיין לִזְכוּת, עֶס שְׁטִימְט נִישְׁט, דַארְף מֶען דַן זַיין לְכַף, מֶען דַארְף נֶעמֶען אַ שִׁיךְ לֶעפְל און אַרַיינְקְוֶועטְשְׁן לִזְכוּת).

אִיךְ בֶּעט אַייךְ בְּכָל לָשׁוֹן שֶׁל בַּקָשָׁה, קוּקְט גוּט אוֹיף אַייעֶר מַאן, עֶר אִיז לִיכְטִיג, עֶר אִיז טַייעֶר, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער יֶעצְט אוֹיף אִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, און אַז אִיר וֶועט אִים שְׁטֵיין צוּ דִי רֶעכְטֶע הַאנְט, אִיר וֶועט אִים נָאר זַיין וַוארֶעם און לִיבְלִיךְ, נִישְׁט זַיין דֶער מַשְׁגִיחַ, נִישְׁט זַיין וִוי אַ מַאמֶע, נָאר וִוי אַ וַוארֶעמֶע לִיכְטִיגֶע וַוייבּ, וֶועט עֶר צוּרִיק קוּמֶען, עֶר וֶועט אַלֶעס אָפְּלָאזְן, עֶר וֶועט נָאךְ וֶוערְן מֶער עֶרְנְסְט וִוי אַייךְ.

הֶערְט פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים, פְרֵיילִיךְ מוּזִיק, זִינְגְט און טַאנְצְט, דִי קִינְדֶער זָאלְן גָארְנִישְׁט וִויסְן און גָארְנִישְׁט מִיט הַאלְטְן, זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן און אוּמְזִיכֶער, (אִיר זָאלְט הִיטְן אַלֶע הֲלָכוֹת מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס יִרְאַת שָׁמַיִם).

אִיךְ קֶען קוֹים וַוארְטְן צוּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרִיוו וואו עֶס שְׁטֵייט בָּרוּךְ מַתִּיר אֲסוּרִים, וִוי אִיר זֶענְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט, וִוי אַלֶעס אִיז צוּרִיק אִין פְּלַאץ; נָאר מִיט דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת מִיט תְּפִלָּה, אֱמוּנָה, סַבְלָנוּת - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי יְשׁוּעָה.

...

## הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אַריינְבְּרֶענְגֶען דֶעם שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַרְבֶּעט נִישְׁט עֶרֶב שַׁבָּת נָאךְ חֲצוֹת, מֶען מַאכְט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט נָאךְ חֲצוֹת, קוּם אַהֵיים בַּיי חֲצוֹת, לָאז אִיבֶּער דִי כִּישׁוּף אִין אָפִּיס, בְּרֶענְג נִישְׁט אַהֵיים דִי טֶעלֶעפָאן עֶרֶב שַׁבָּת, (הַלְוַואי אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אָבֶער לְכָל הַפָּחוֹת עֶרֶב שַׁבָּת), זָאלְסְט הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ אַריינְבְּרֶענְגֶען דֶעם שַׁבָּת, לָאז אִיר נִישְׁט פַאלְן פוּן אִירֶע כֹּחוֹת, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ דִי פְּלִיטֶעס (כְּלוֹמַר׳יִשֶׁע עוֹבְדִים) - וָואס קוּמֶען אַהֵיים פְרַייטָאג דִי לֶעצְטֶע מִינוּט בַּיים זְמַן; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט פוּן דִי שֵׁדִים, פוּן דִי מַזִּיקִין; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (אָבוֹת ה, ו) אַז דֶעמָאלְט - עֶרֶב שַׁבָּת בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת - זֶענֶען זֵיי בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן.

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין וַוייבּ, הֶעלְף אִיר. מֶעגְסְט שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אוֹיפְשְׁטֵיין גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער עֶסְן וְכוּ׳, אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען אַבִּיסְל שְׁלָאפְן נָאכְן אוֹיפְשְׁטֵיין אַ גַאנְצֶע וָואךְ צוּ דִי קִינְדֶער, נָאכְן פַאלְן פוּן דִי כֹּחוֹת, לָאז אִיר נִישְׁט זַיין אַ ׳שְׁמַאטֶע׳, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר.

״יוֹדֵעַ צַדִּיק נֶפֶשׁ בְּהֶמְתּוֹ״, דֶער צַדִּיק, דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד - אִיז אַ שְׁטִיק רַחְמָנוּת, עֶר וֵוייסְט וָואס זַיין וַוייבּ ווִיל, וָואס דִי קִינְדֶער דַארְפְן, אֲפִילוּ וָואס זַיינֶע בְּהֵמוֹת דַארְפְן, ״וְרַחֲמֵי רְשָׁעִים״, אוּן דָאס רַחְמָנוּת פוּן דִי רְשָׁעִים - ״אַכְזָרִי״, אִיז אַכְזָרִיוּת׳דִיג, עֶר מַאכְט זִיךְ ווִי עֶר הָאט רַחְמָנוּת אִין גַאס, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז עֶר אַן אַכְזָר אִין שְׁטוּב (מִשְׁלֵי יב, י).

הַלְוַואי הַלְוַואי וֶועסְטוּ מִיךְ פָאלְגְן, וֶועסְטוּ נִישְׁט דֶערְלֵייגְן; לָאז זִיךְ אָפּ פוּן מֶענְטְשְׁן - חֲבֵרִים, גֵיי אַהֵיים הֶעלְף דַיין וַוייבּ, וֶועט דִיר גָאר גוּט זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי גְרֶעסְטֶע גְלִיק אִיז אִין שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים-שְׁקָלִים, כ״ה שְׁבַט, מְבָרְכִין אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרָא״ש הָאט אַלֶע יָארְן גֶערֶעדְט פוּן דִי מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אַז אַ אִיד דַארְף וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אִיךְ בִּין נָאר אַ הַאלְבֶּע, אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אִיךְ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ שְׁלֵימוּת נָאר מִיט נָאךְ אִידְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ לֶעבְן בְּשָׁלוֹם מִיט דִי וַוייבּ, הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, סַיי הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער, מִיט דִי רֵיינְקֵייט, מִיט עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן אוּן בְּעִיקָר מִיט אוֹיסְהֶערְן, פַארְשְׁטֵיין, מִיט שְׁפִּירְן פְרֵייד אוּן פַּיין, אוּן מִיט גֶעבְן לִיבְשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט.

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה פְּרִיוַואט, לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק, פָּאר נִישְׁט זוּכְן גְלִיקְן, דִי גְרֶעסְטֶע גְלִיק אִיז אִין שְׁטוּבּ, דִי אוֹצָר לִיגְט בַּיי דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, (נָאר אֵיין מָאל פָּארְן מִיר אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דֶעמָאלְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן, דָארְט פַארְן מִיר מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ). בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל דִיר זַיין גֶעשְׁמַאק מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, עֶס זָאל דִיר זַיין גוּט צוּ זִיצְן מִיט זֵיי, רֶעדְן מִיט זֵיי פוּן שַׁבָּת, פוּן אֱמוּנָה, אֲפִילוּ פוּן נַייעֶס וָואס טוּט זִיךְ אַרוּם דִי וֶועלְט - אוּן דָאס מְקַשֵּׁר זַיין מִיט אֱמוּנָה.

אַזוֹי אוֹיךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, מַאךְ מְלַוֶה מַלְכָּה פַּאר דַיין מִשְׁפָּחָה, לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק מִיט כְּלוֹמַר׳ישֶׁע חֲבֵרִים, דִי נַייעֶ אָנְשִׁיקֶענִישׁ פוּן גֵיין אִין שְׁוִויץ זִיךְ בָּאדְן מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס עֶס אִיז זֵיי אוּמֶעטִיג אִין שְׁטוּבּ, (רוֹב פוּן דִי וָואס גֵייעֶן אִיז נִישְׁט ווייל זֵיי דַארְפְן דִי שְׁוִויץ, עֶס אִיז זֵיי נִישְׁט גוּט אִין שְׁטוּבּ זוּכְן זֵיי וואו צוּ אַנְטְלוֹיפְן).

זָאלְסְט הָאבְן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת, זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגֶע לוֹיטֶערֶע אַיינְגֶענֶעמֶע גֶעשְׁמַאק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

# מהדורת הורוויץ

## הספר הקדוש הזה
## נתנדב לזכות

מוה"ר **יחיאל הורוויץ** הי"ו

וזוגתו **גאלדא טריינדל** תחי'

וילדיהם

**מרדכי, יצחק,**

**אסתר, פיגא, ריזל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון